WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

# ארבעט זוכעריי פלאן פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס

**נאמען:**________________________________ OSOS ID #: ____________________

1.☐ איך פארשטיי אז איך מוז:

- זיין גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן און אקטיוו זוכן ארבעט יעדע וואך וואס איך קלעים בענעפיטן;
- זיין פארמישט אין "סיסטעמאטישע און אנהאלטענדע פראוון צו זוכן ארבעט," וואס מיינט אז איך מוז אויספאלגן דאס ארבעט זוכעריי פלאן און איך פארשטיי די סארטן ארבעט וואס איך מוז זוכן פאר און אננעמען;
- האלטן א געשילדערטע רעקארד פון מיין ארבעט זוכעריי אקטיוויטעטן יעדע וואך נוצנדיג די אנליין ארבעט זוכעריי רעקארד אין JobZone (ארבעט זאנע), די New York State דעפארטמענט אוו לעיבאר ארבעט זוכעריי רעקארד בויגן, WS 5, אדער אן ענליכע ארבעט זוכעריי רעקארד וואס איך מאך וואס ענטהאלט די געפאדערטע אינפארמאציע, און;
- האלטן מיין ארבעט זוכעריי רעקארדס פאר איין יאר און זיי מאכן אוועילעבל צום דעפארמענט אוו לעיבאר אויפ'ן פארלאנג

2.☐ איך וועל זוכן און אננעמען ארבעט וואס איך בין גאנץ פאסיג פאר דורך טרענירונג און/אדער ערפארונג.

איך וועל טון כאטש: ______ארבעט זוכעריי אקטיוויטעטן יעדע וואך.

3.☐ איך פארשטיי אז איך טאר זיך נישט אנטזאגן פון אננעמען ארבעט וואס צאלט כאטש די ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס "אפשנייד" וועידזש פאר ענליכע ארבעט, אפילו אויב דאס איז ווייניגער ווי וואס איך האב פארדינט ביי מיין פריערדיגע ארבעט אדער ווייניגער ווי וויפיל איך וואלט געוואלט באקומען. איך קען באקומען אנהאלטענדע וועידזש ראטע אינפארמאציע פונעם דעפארטמענט אוו לעיבאר וועבסייט אויף [https://statistics.labor.ny.gov/uiwages.shtm](https://statistics.labor.ny.gov/uiwages.shtm).

4.☐ איך פארשטיי אז נאכ'ן קלעימ'ען 10 פולע וואכן פון בענעפיטן מוז איך פארברייטערן מיין ארבעט זוכעריי. איך מוז זיין וויליג צו אננעמען סיי וועלכע סארט ארבעט וואס איך בין טיכטיג אויסצופירן, אפילו אויב איך האב נישט די טרענירונג אדער ערפארונג מיט די סארט ארבעט. איך וועל אננעמען אזא ארבעט ווי לאנג עס באצאלט די ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס "אפשנייד" וועידזש פאר יענע ארבעט **און** כאטש 80% פון מיין באזע צייט אפשניט הויכע פערטל וועידזשעס.

5.☐ איך בין אוועילעבל צו גלייך אנהייבן ארבעטן.

6.☐ איך שטים צו צו זוכן פאר **פול-טיים** ארבעט.

**באמערקונג:** אויב איר האט נישט א היסטאריע פון כאטש **זעקס מאנאטן** פון פארט-טיים עמפלוימענט דערין די לעצטע 18 מאנאטן, קענט איר אפגעזאגט ווערן בענעפיטן אויב איר זוכט נישט אדער נעמט נישט אן פול-טיים ארבעט. אויב איר זוכט נישט פאר פול-טיים ארבעט, דאן ערקלערט דא פארוואס: ______________________________

______________________________________________________________

7.☐ איך בין וויליג צו פארן איין שטונדע דורך פריוואטע טראנספארטאציע אדער אנדערהאלב שטונדע דורך פובליק טראנספארטאציע צו ארבעט.

8.☐ איך האב א וועג פון טראנספארטאציע צו זוכן פאר ארבעט און צו אנקומען צו דער ארבעט. מיין טראנספארטאציע ענטהאלט:

☐ פריוואטע וויהיקל ☐ פובליק טראנספארטאציע ☐ עפעס אנדערש. אויב עפעס אנדערש, ביטע שילדערט __________

9.☐ איך וועל אויספאלגן מיין ארבעט זוכעריי פלאן און באנעמונג ווי געשילדערט. עס איז אנטוויקלט געווארן באזירט אויף מיינע פעאיגקייטן, ערפארונג, טרענירונג, און אינדיווידועלע אומשטענדן. עס רעכנט זיך אויך מיט סיי וועלכע ארבעט באגרעניצונגען אדער ארבעט זוכעריי שטערונגען וואס איך האב.

נאך קאמענטארן: ______________________________________________

______________________________________________________________

10. איך שטים צו צו טון די פאלגנדע ארבעט זוכעריי אקטיוויטעטן און נוצן די פאלגנדע ארבעט זוכעריי געצייג. איך פארשטיי אז איך מוז טון און ארייגשרייבן ארבעט זוכעריי אקטיוויטעטן יעדע וואך וואס איך סערטיפיי פאר בענעפיטן . (צייכנט אלע וואס זענען גילטיג)

1) ☐ נוצן באשעפטיגונג ריסאורסעס אוועילעבל ביי מיין לאקאלע קאריערע צענטער אדער דורך א ווירטואלע קאריערע צענטער פלאטפארמע צוגעשטעלט דורך די דיפארטמענט אוו לעיבאר, אזוויוי:
- זיך טרעפן מיט קאריערע סענטער אדווייזערס;
- באקומען ארבעט מארקעט אינפארמאציע פון די קאריערע צענטער איינגעשטעלטע וועגן די וועילעביליטי פון ארבעט פון א געוויסע אינדוסטריע אדער געגנט;
- זיך באטייליגן אין פעאיגקייטן אפשאצונגען פאר ארבעט צופאסונג;
- אנטייל נעמען אין אינסטראקשינעל ווארקשאפס; און
- באקומען און נאכפאלגן מיט ארבעטסגעבער איבער ארבעט רעפערראלס און ארבעט צופאסונג פֿון די קאריערע סענטער.

2) ☐ ארייגעבן אן ארבעט אפליקאציע און/אדער רעזומעי צו ארבעטסגעבער אדער געוועזענע ארבעטסגעבער וואס קענען מעגליך האבן עפענונגען.

3) ☐ אנטייל נעמען אין ארבעט זוכעריי סעמינארס, סקעדזשולד קאריערע פארצווייגונג זיצונגען, ארבעט פעירס אדער ארבעט-פארבינדענע ווארקשאפס וואס שטעלן צו אנווייזונגען צו פארבעסערן אינדיווידואלע פעאיגקייטן צו באקומען ארבעט.

4) ☐ אינטערוויו מיט מעגליכע ארבעטסגעבערס.

5) ☐ רעגיסטרירן מיט, איינגעבן פאר, אדער נעמען ארבעט-פארבינדענע אדער פארן-אויפנעמען טעסטס פאר א פובליק אדער פריוואטע ארבעטסגעבער, ארייגערעכנט ציווילע סערוויס פארהערן.

6) ☐ איינשרייבן מיט און הערן פון פריוואטע עמפלוימענט אגענטורן, פלאצירונג סערוויסעס, פארבאנדען, און פלאצירונג אפיסעס פון שולעס, קאלעדזשעס אדער יוניווערסיטיס, און/אדער פראפעסיאנאלע ארגאניזאציעס.

7) ☐ נוצן די טעלעפאן, טעלעפאן בוך, אינטערנעט, סאושעל מידיע, אדער אנליין ארבעט-צופאסונג סיסטעמען צו זוכן פאר ארבעט, באקומען לידס, בעטן רעפערעלס, אדער מאכן אפוינטמענטס פאר ארבעט אינטערוויוס.

8) ☐ סיי וועלכע אנדערע זאכליכע אקטיוויטעט וואס קען אייך העלפן באקומען ארבעט.

☐ אנדערע/באמערקונגען: ______________________________

**סערטיפיקאציעס**

איך שטים צו:
- ✓ צו אקטיוו זוכן פאר ארבעט און האלטן א רעקארד פון מיין זוכעריי פרואוון יעדע וואך ווי עס שטייט אויבן;
- ✓ צו איבערגיין מיין ארבעט זוכעריי פלאן יעדע וואך איידער איך קלעים בענעפיטן פאר יענע וואך און גלייך באריכטן סיי וועלכע ענדערונגען אין די אויבנדערמאנטע אומשטענדן צו מיין לאקאלע קאריערע סענטער.

איך פארשטיי אויך אז:
- ✓ איך האב איבערגעקוקט און פארשטיי די ארבעט זוכעריי פלאן און ארבעט זוכעריי רעקארד בויגנס.
- ✓ איך פארשטיי אז איך מוז אנטייל נעמען אין אלע סקעדזשולד אפאונטמענטס, ווארקשאפס, שיעורים, און ארבעט געלעגנהייטן.
- ✓ איך וועל ערשיינען ביי אלע אפאונטמענטס געסקעדזשולד ביים קאריערע סענטער און אז אויב נישט, קען מיין ארבעטסאלזיגקייט אינשורענס בענעפיטן ווערן אפגעהאלטן.
- ✓ איך וועל ארייגעבן מיין ארבעט זוכעריי רעקארד פאר אודיטס ווען פארלאנגט און אז אויב נישט, קען מיין ארבעטסאלזיגקייט אינשורענס בענעפיטן ווערן אפגעהאלטן.
- ✓ איך פארשטיי אז די קאנטאקטן וואס איך באריכט אויף מיין ארבעט זוכעריי רעקארד קענען איבערגעקוקט ווערן דורך דער דעפארטמענט אוו לעיבאר.
- ✓ סיי וועלכע פאלשע דערקלערונג געמאכט בכוונה אויף מיין ארבעט זוכעריי רעקארד איז גערעכנט אלס שווינדל. אויב איך מאך בכוונה סיי וועלכע פאלשע דערקלערונג צו באקומען ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן, קענען די בענעפיטן אפגעהאלטן ווערן, און שטראפן קענען ארויפגעלייגט ווערן. די שטראפן קענען ענטהאלטן א געריכט פארהאנדלונג.

איך באשטעטיג אז איך האב איבערגעקוקט די אינפארמאציע אין דער ארבעט זוכעריי פלאן. **איך פארשטיי אז אויב איך פאלג נישט אויס די באדינגונגען פון די פלאן, וועל איך מעגליך נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן.**

קאסטומער אונטערשריפט:______________________________ דאטום:____________________

איך האב זיך געטראפן מיט דעם קאסטומער צו אנטוויקלען און איבערגיין דעם פלאן.

ארבעטסקראפט אדווייזער:______________________________ דאטום:____________________

קאריערע סענטער ארט: ______________________________